Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 254 | Łódź, Środa, 2 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ג׳ מרחשון תרצ״ג | № 254

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנשטאט הנחות אין זונטאג-רוה

## זאל מען קענען האנדלען שבת ביז 9 אווענד

וו א ר ש א, 1 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דער פראיעקטירטער דעקרעט וועגען הנחות אין זונטאג רוה איז צוריקגעצויגען געווארען, ווערען אין די סיים-קרייזען בעטראכט אין דער היגזיכט פערשידענע פארשלאגען. איינע פון די פארשלאגען איז אזא, אז אנשטאט זונטאג זאל מען ערלויבען שבת און ערב חגאות צו האנדלען ביז 9 אווענד.

## סאוויעטישע פלאט-עסקאדרע

### ביי די פוילישע ברעגעס

ג ד י נ י ע, 1 (ספ. טעל.) עהערנעכטען האט דער אבסערוואציע-פונקט אויף דער אינזעל העל אלארמירט די אנפיהרערשאפט פון פלאט, אז א גאנצע עסקאדרע פון רוסישען קריגס-פלאט אין צוזאמענשטעל פון עטליכע גרעסערע און קלענערע שיפען האט זיך בעוויזען 3 קילאמעטער ווייט פון פוילישען ברעג, נישט איבערטרעטענדיג דעם פוילישען גרעניץ-פאס.

די פלאט-מאכט האט גלייך ארויסגעשיקט אגאנצע אונטערוואסערשיף „זשביק" צוזאמען מיט עטליכע אנדערע קריגס-שיפען, כדי פעסטצושטעלען צי די ידיעה שטימט מיט דער ווירקליכקייט. ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ס׳איז אזוי.

## נישט-געלונגענער אטענטאט

### אויפ׳ן פרעזידענט הובער

נ י ו - י א ר ק, 1 (ספ. טעל.) פון אטהענס (אהיא) מעלדעט מען, אז ס׳איז ענטדעקט געווארען אן אטענטאט אויפ׳ן צוג, מיט וועלכען דער פרעזידענט הובער האט זיך צוריקגעקערט פון אינדיאנאפאליס קיין וואשינגטאן. אומבעקאנטע מערדער האבען אויפגעשרויפט 77 שרויבען. צו קיין קאטאסטראפע איז אבער נישט געקומען.

## שטורמישע ארבייטסלאזע דעמאנסטראציעס אין לאנדאן

ל א נ ד א ן, 1 (ספ. טעל.) היינט 8 א זייגער אין אווענד האבען זיך פאר דער פארלאמענט געבײדע פערזאמעלט 5 טויזענד ארבייטסלאזע און איינגעארדענט א דעמאנסטראציע. די פאליציי האט פונאנדערגעטריבען דעם המון.

גלייכצייטיג האט מען פון דער גאלעריע אין פארלאמענט געמאכט פערשידענע אויסרופען געגען דער רעגירונג. די פאליציי האט ארעסטירט די, וואס האבען געשטערט די רוה אין פארלאמענט. ס׳איז ארעסטירט געווארען דער אנפיהרער פון הונגער-מארש הענינגטאן.

## פרעזידענטען-וואהלען אין אמעריקא

### די וואהל-אגיטאציע איז פולען ברען

נ י ו - י א ר ק, 1 (ספ. טעל.) אין עדיסאן-סקווער-גארדען איז פארגעקומען א גרויסער מיטינג פון 25 טויזענד מענשען, אויף וועלכע ס׳איז ארויסגעטרעטען דער פרעזידענט הובער, וואס האט ענטוויקעלט זיין פראגראם.

אין באסטאן האט גערעדט דער צווייטער פרעזידענט-קאנדידאט רוזוועלט, וועלכער האט זיך ארויסגעזאגט פאר איינפיהרען א 5-טאגיגע ארבייטס-וואך.

## דעפ.ווישליצקי טרעט ארויס פון דער סאנאציע?

### ידיעות פון דער ווארשאווער פרעסע

ו א ר ש א, 1 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין דער ווארשעווער „גאזעטא צארזשעטשבע" איז היינט אפגעדרוקט א ידיעה, אז דעפ. ווישליצקי טרעט ארויס פון דער סאנאציע. דער אנהויב זאל זיין די רעדע, וואס ער האט געהאלטען אויפ׳ן סוחרים-צוזאמענפאהר. צוליב דעם, וואס דעפ. ווישליצקי איז היינט נישט געווען אין ווארשא, האט מען די דאזיגע ידיעה נישט געקענט באקאנטמאכן ליידער.

## פראפ. בערנהארד נאכט



גרינדער פון טראפיש-היגיענישען אינסטיטוט אין האמבורג, איז אלט געווארען 75 יאהר.

## אוניווערזיטעטס-פאליציי אין וויען

### וועט האבען אויפגאבע צו דערשטיקן אלערליי אונרוהען

ו י ע ן, 1 (ספ. טעל.) לויט די ידיעות פון די צייטונגען, האט די עסטרייכישע רעגירונג בעשלאסען איינצושטעלען אויף די וויענער אוניווערזיטעטען א ספעציעלע וואך פון 40 פאליציאנטען, וועלכע וועלען האבען בעפולמעכטיגונגען צו ליקווידירען די סטודענטישע אונרוהען און מיטטיילען דער מאכט די נעמען פון די אוואנטוריסטען.

די נייע פאליציי-וואך וועט אנהויבען איהר טעטיגקייט מיט׳ן מאמענט, ווען די למודים אין די אוניווערזיטעטען וועלען ווידער בעגינען ווערען.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען אין עלטער פון 54 יאהר געשטארבען מיין אונפערגעסליכע פרוי, אונזער ליבע און טייערע מוטער און שוועסטער

# ב״ע אסתר פייגה בזשוסטאווסקא

(געבוירענע העניגמאן)

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 2. נאוועמבער 1932, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, מארישינער 2, וועגען וואס עס טיילען מיט איז גרויס צער

**די טיפטרויערגדע היגטערבליבענע.**

---

„לינת-הצדק" לאדז, צעגעלניאנא 17

דער פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעגליך טעטיג פון 11—1 און 4—6 אווענד און געפינט זיך אונטער׳ן אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט. קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, סאליוקס, עלעקטרישע בעדער.

איך זוך א צימער

פארטער, געאייגנעט אויף לאגער אין דער געגענד זגערזשער פון דער נאוואמיעסקא ביז פלאץ קאשטשעלני, עווענטועל אלטשטאט אדער קאשטשעלנא. זיך צו ווענדען פילסודסקיעגא 72, פ. טשערנילאווסקי. פראנט, 1. שטאק, טעל. 171-23.

אכטונג!

טרעף-פונקט פון די גרעזער-סעקציע פון היינט אן אין קאפע „Caprice"

פערבאנדס-קאמיטעט.

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

4091

פאר גאלד, בזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אווענד

Dr. Szymon Grinberg

צוריקגעקעהרט

וואוינט יעצט פילסודסקיעגא 55

טעל. 168-58. (פריהער פאלודניאווא 20)

נעהמט אן פון 8—9.30 און פון 4—6 נאכמיטאג.

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס

ביליצער, טאמאשאווער און לאדזשער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘŚLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, II שטאק

